בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

278

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט צוּם טִישׁ?...................................א

וִוי אַזוֹי פַּארְדֶעכְט אִיךְ דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַנְדֶערֶע זִינְדִיגְן?...............ג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה בַּיים דַאוֶונֶען?..........................ז

זָאל אִיךְ בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן אַ נוּקְלֶעאַרֶע קְרִיג? ..................ט

וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס, אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג זָאל מֶען עֶס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ...... יא

זָאל מֶען גֵיין אִין מִקְוֶה אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג וָואס מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן?....................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מֶען דַארְף הָאבְּן אַן אַרְבֶּעט, נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג.......................................................א

ווָאוֹיל פַּאר דִיר אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.........................ב

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אַז מֶען אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן ...................ג

וֶוער קֶען חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה פַּאר אוּמְזִיסְט?........................................ד

גֵיין לֵיידִיג אִיז שֶׁעדְלִיךְ.....................................................................ה

אַהֵיימְקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר גוּט..................ו

בַּטֵל נִישְׁט קַיין צַייט, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ...........................ז

דִי פְרוֹיעֶן דַארְפְן אַסַאךְ וִויכְטִיגֶער דֶעם רֶבִּי'ן.......................................ח

אַ גֶעשְׁמַאקֶע רוּאִיגֶע שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל ..................................................ט

צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאלְסְטוּ נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט ......................יב

אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא..................................... יג

דֶער קוּנְץ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט......................... טז

אַנְשְׁטָאט זָאגְן 'נֵיין' אָדֶער 'יָא', דַארְף מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין.............. יז

גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי חוֹבוֹת.........................................................יח
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ...........................כ
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן פַארְבָּארְגְן אַייעֶר סֵפֶר תּוֹרָה..................................כב
דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אַ סְגוּלָה פַאר רְפוּאָה שְׁלֵימָה.........................כב
מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה.........................................................כד
עֶס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָן קַיין מֶעדֶעצִין........................כה
אִיךְ וִויל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין צַייטְלִיךְ..........................כה
דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִיז זִיכֶער אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן אַייעֶר זוּן...............כו
מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְּנְט דִי לַאוּנְטְשׁ, קֶענְסְט שׁוֹין אַוֶועקְוַוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים.........כו
הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל..............כז
אַזוֹי שֵׁיין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אִין שְׁטֶעטְל.............................................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוט מֶען וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט צוּם טִישׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נֶעכְטֶן הָאבּ אִיךְ מִיטְגֶעמַאכְט גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בּוּשׁוֹת, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּזְיוֹנוֹת, מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט אוּן אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ פֶּעקְל בְּרוֹיט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, גֶעבְּלִיבְן פוּן וָואס מֶען הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט פָארִיגֶע וָואךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ פֶּעקְל בְּרוֹיט.

אִיךְ בִּין אַרוֹיס אִין פַּארְק זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן, פְּרוּבִּירְנְדִיג אַבִּיסְל צוּ פַארְגֶעסְן פוּן מַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב, דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען מַעֲרִיב.

אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי בּוּשׁוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ אַ קְרֶעדִיט קַארְד אוּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי קֶען עֶס נוּצְן וִויפִּיל זִי וִויל, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דִי בַּאנְק וֶועט מִיר שׁוֹין נָאכְגֶעבְּן, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעוֶוען, דִי בַּאנְק הָאט פַארְמַאכְט דֶעם קַארְטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי קְרֶעדִיט קַארְד קָאמְפָּאנִי זֵיי זָאלְן צוּוַואַרְטְן אַפָּאר טֶעג, אָבֶּער דֶער טָאג דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואוּ עֶס צוּ בַּאצָאלְן. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן, וַוייל בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער.

מִיר עֶסְן אוּם שַׁבָּת בַּיי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, דָאס מַאכְט מִיר אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל עֶסְן שַׁבָּתִים בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל דָאס קֶענֶען בַּאצָאלְן.

אִיךְ װעל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס מוֹהֲרַ״ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, מוֹהֲרַ״ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז מִיר וֶועלְן עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - וֶועלְן מִיר הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג גֶעלְט אִין טַאשׁ, עֶס וֶועט נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז דִי וַוייבּ זָאגְט: "גֵיי קוֹיף בְּרוֹיט" - אוּן מֶען הָאט נִישְׁט דִי פָּאר שְׁקָלִים צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט.

גֵיין הֲפָצָה אִיז נִישְׁט קַיין פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ; אַ פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען נוּצְט קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, בִּיז מֶען פַארְלִירְט דִי בַּאגְלֵייבְּטְקֵייט בַּיי אַלֶעמֶען, אָבֶּער גֵיין מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן - אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט דוּרְכְ׳ן טָאג, צִי דוּ אַרְבֶּעסְט צִי דוּ לֶערְנְסְט אִין כּוֹלֵל, עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה; סַיי וָואס מֶען טוּט קֶען מֶען נָאכְדֶעם גֵיין אֵיידֶעלֶערְהֵייט בַּיי דִי שְׁטוּבֶּער אוֹיסְטֵיילְן לֶעבְּן פַּאר מֶענְטְשְׁן אוּן בֶּעטְן צְדָקָה, דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַלְץ גֶעלְט אִין טַאשׁ.

נוּץ נִישְׁט קַיין קְרֶעדִיט קַארְד אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט עֶס בַּאצָאלְן. עֶס אִיז עֶרְגֶער צוּ נוּצְן קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן - וִוי נִישְׁט הָאבְּן בְּרוֹיט צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל; עֶנְדֶערְשׁ גֵיי צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁקָלִים א, א) אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נִתְבָּעִים וְנוֹתְנִים, וֶוען מֶען בֶּעט זֵיי - גֶעבְּן זֵיי; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָּאלְק, זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה; מֶען דַארְף נָאר אַרוּם גֵיין צַאמְנֶעמֶען.

דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דַיין וַוייבּ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה אִין טַאשׁ, זִי וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן, זִי וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ בִּיטֶערְנִישׁ, זָאג

איר "אִיךְ בְּרֶענְג שׁוֹין", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַיינְקוֹיפְן", אוּן בִּיז דֶערְוַוייל גֵיי אַבִּיסְל בַּיי דִי הַייזֶער אָדֶער אִין שׁוּל, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט צַאמְנֶעמֶען – זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי פַּארְרֶעכְט אִיךְ דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַנְדֶערֶע זִינְדִיגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס בָּחוּר פוּן דְרַייצְן יָאר, הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער גֶעטוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, גָאר אַסַאךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה אוּן אַז עֶס אִיז אַזוֹי הָארְבּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חָבֵר וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִינְאֵיינֶעם פוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְדִיגְן אוּן עֶר אִיז גֶעפַאלְן נָאךְ אַסַאךְ טִיפֶער אוּן עֶרְגֶער פוּן מִיר, אִיךְ ווֵייס שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט ווִי וַוייט עֶר הַאלְט הַיינְט.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס טוּט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר ווֵיי אַז אִיךְ הָאבּ מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אוֹיךְ אַנְדֶערֶע, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ קֶען דָאס אוֹיךְ פַּארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיבּ יָא, ווִי אַזוֹי?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אוּן מִיר וַוייזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס פַּארְרֶעכְטְן, ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְויסְן זָאלְסְטוּ, דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. דֶער הֵיילִיגֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף א): "אָסוּר לְהוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וְעָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דִי תּוֹרָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם) וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה - "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה; מֶען וֶוערְט קְרַאנְק, אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, פַארְעֶלְטֶערְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי כֹּחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ: "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל; "וְשֵׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ (עַיֵּין אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רמ, סְעִיף יד).

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה; מֶען לַיידְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְן. מֶען בַּאקוּמְט פַיינְט; דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה וֶוערְן בַּאשַׁאפְן קְלִיפּוֹת וָואס זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה" וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, "בּוֹרֵא קְלִפּוֹת" בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת, "הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו" דִי

קְלִיפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, "וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין" אוּן זֶענֶען אִים מְצַעֵר.

דָאךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַאְרשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט קֶען נָאךְ יָא תְּשׁוּבָה טוּן אוּן קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה. דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד" אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָנַ"ת זָאגְט, דִי שִׂיחָה הַנַּ"ל גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימּוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילּוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט פּוֹגֵם צוּ זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּטְשֶׁעפֶּען פוּן דֶעם, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן

מִשְׁנָיוֹת - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארֶעכְטְן, נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל פַארְבְּרֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶוערְן דִי קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא, זֵיי וֶוערְן אוֹיס. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט גְּמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא. אֲפִילּוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְּמָרָא - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס מִיר הָאבְּן פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֲפִילּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין"; גְּמָרָא וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען אִיר מַכְנִיעַ.

נָאךְ אַן עֵצָה הָאט דֶער רֶבִּי פַאר אוּנְז, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן מִיט אַ גֶעוַויין עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. דוּ הָאסְט דָאךְ אַ טַעֲנָה, דוּ קֶענְסְט טַעֲנָה'ן אַז מֶען הָאט דִיר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, דוּ קֶענְסְט שְׁרַייעֶן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנג קִינְד, אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, אִיךְ בִּין אַזַא זִינְדִיגֶער, אִיךְ זִינְדִיג יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיךְ הָאבּ

**אִיךְ מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זוּךְ נִישְׁט זִיךְ צוּ פַּטְרְ'ן, אִיךְ זוּךְ מִיךְ נִישְׁט צוּ רֵיינְוַואשְׁן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ טַעֲנָה, פַּארְוָואס הָאט מֶען מִיר דָאס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט? וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן? אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פוּן יֶעצְט גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיךְ אַלֶע וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי מַחֲטִיא גֶעוֶוען - זָאלְן אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְטַעֲנָה'ן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ מְקָרֵב זַיין אוּן אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה.**

**גֵיי הֲפָצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): **"תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", עֶס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית אַז מֶען זָאל צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דָאס וֶועט זַיין דַיין תִּיקּוּן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה בַּיים דַאוְונֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין צַוָואַת הָרִיבָ"שׁ פוּנֶם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דַאוְוענֶען זָאל עֶר טְרַאכְטְן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער - אַזוֹי וֶועט עֶר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס מֶער מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער וֶועט מֶען אִים לִיבּ הָאבְּן, אוּן וֶוען מְ'הוֹיבְּט אָן דַאוְוענֶען זָאל מֶען טְרַאכְטְן אַז מֶען גֵייט אַלְץ הֶעכֶער אַרוֹיף בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַייטְן, וָואס דָאס אִיז דִי זִיסְטֶע

זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נִישְׁט שְׁפִּירְן, אוּן מֶען קֶען מַמָּשׁ אוֹיסְגֵיין פַּאר זִיסְקֵייט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נֵס אַז דִי חַיּוּת זָאל צוּרִיק קוּמֶען אוּן מֶען זָאל וַוייטֶער לֶעבְן.

אִיךְ הָאבּ עֶס אַפָּאר מָאל פְּרוּבִּירְט אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, מַיין הַארְץ אִיז קַאלְט ווִי אַ שְׁטֵיין; אֲפִילוּ דִי פְּשׁוּט'עֶ פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוער אִינְזִין צוּ הָאבְּן, מַיין קָאפּ פְלִיט אִיבֶּערָאל נָאר נִישְׁט אִין סִידוּר, אִיז נָאךְ מֶעגְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען - דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה.

קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁהִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ, הוּא רַק עַל יְדֵי עִנְיַן 'פְּרַאקְטִיק'", דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט, "שֶׁהָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה וּמֵשִׂיחַ הַרְבֵּה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאָמַר תְּהִלִּים הַרְבֵּה בִּפְשִׁיטוּת", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, "וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁהִגִּיעַ", אוּן נָאר אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אַז דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה, בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֵיין מִיט אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה - זָאלְסְטוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

(שָׁם): "אַי אַי פְּרָאסְטִיק", עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּענְקְט צוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט, "גַּם אָמַר", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים", עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, "וְאָמְרוּ גַּם כֵּן", זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, "שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם", זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, "כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיָן פְּרָאסְטִיק", נָאר דוּרְךְ דִי פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדָה, "שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם", אוּן נָאר אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, ווארִיל אִיז זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן אַ נוּקְלֶעאַרֶע קְרִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער וִוי יֶעדֶער רֶעדְט אַז עֶס קוּמְט חַס וְשָׁלוֹם אַ נוּקְלֶעאַרֶע קְרִיג מִיט רוּסְלַאנְד, אֲפִילוּ דִי מְקֻבָּלִים זָאגְן שׁוֹין אוֹיךְ אַזוֹי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֶערְוֶועז דֶערְפוּן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אַן אַלַארְם וֶוער אִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ טְרַאכְט צוּ בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער אוּנְטֶער מַיין הוֹיז, אָבֶּער אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיב עֶס וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דוּ וֶועסְט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן נַייעֶס וָואס אִיז אַלֶץ נָאר דִמְיוֹנוֹת, אוּן פוּן זִיכֶערֶע זַאכְן - וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן; דָאס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אֵיין טָאג וֶועט קוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער מַלְאָךְ, אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיזְן הִימְל, מִיט אַפָּאר טוֹיזְנְט אוֹיגְן, דֶער מַלְאָךְ וֶועט קוּמֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערְד אוּן צוּנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה; פוּן דֶעם מַלְאָךְ קֶען זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, עֶר אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז פוּן דֶעם מַלְאָךְ הָאסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא, דוּ זָארְגְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פַאר דֶעם; וָואלְסְט גֶעדַארְפְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער אוּנְטֶער דַיין הוֹיז, זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בּוֹי זִיךְ אַ בּוּנְקֶער אִין דַיין הוֹיז זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן נוּקְלֶעאַר אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס. בּוֹי עֶס מִיט תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוֹיךְ בּוֹי עֶס מִיט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַקְדָּמָה, דַּף יא.): "תָּא חֲזֵי" קוּם אוּן זֶע, "כַּמָּה הוּא חֵילָא תַּקִּיפָא דְּאוֹרַיְיתָא" וִוי שְׁטַארְק אִיז דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְכַמָּה הוּא עִלָּאָה עַל כֹּלָּא" אוּן וִוי שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן אִיז דִי תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶעס. "דְּכָל מַאן דְּאִשְׁתְּדַל בְּאוֹרַיְיתָא" וַוייל דֶער וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "לָא דָחִיל מֵעִלָּאֵי" שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אוֹיבְן, "וְתַתָּאֵי" אוּן עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אוּנְטְן; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען נִישְׁט מוֹרָא - נִישְׁט פוּן מַלְאָכִים אוּן נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס. "וְלָא דָחִיל" אוֹיךְ הָאט מֶען נִישְׁט מוֹרָא, "מִמַּרְעִין בִּישִׁין דְּעָלְמָא" פוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְג פוּן דִי וֶועלְט. "בְּגִין דְּאִיהוּ אָחִיד" וַוייל דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - כַאפְּט זִיךְ אָן "בְּאִילָנָא דְחַיֵּי", אִינֶעם עֵץ הַחַיִּים, דִי בּוֹים פוּן לֶעבְן, "וְיָלִיף מִינֵּיהּ בְּכָל יוֹמָא" דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה כַאפְּט זִיךְ אָן כִּבְיָכוֹל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

"דְּהָא אוֹרַיְיתָא" וַוייל דִי תּוֹרָה, "תּוֹלִיף לְבַר נָשׁ" לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ - "לְמֵיזַל בְּאֹרַח קְשׁוֹט" צוּ גֵיין אוֹיף אֱמֶת'דִיגֶע וֶועגְן, "תּוֹלִיף לֵיהּ עֵיטָא", עֶס

לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֵצוֹת, "הֵיךְ יָתוּב קַמֵּי מָארֵיהּ" ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, עֶר טוּט נֶעבֶּעךְ עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועט דִי תּוֹרָה אִים ווַייזְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן בְּלָאטֶע, ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, "לְבַטְלָא הַהִיא גְּזֵרָה" אוּן צוּ מְבַטֵּל זַיין גְזֵירוֹת.

"דְּאֲפִילוּ אִתְגְּזַר עֲלֵיהּ דְּלָא יִתְבַּטֵּל הַאי גְּזֵרָה" אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי גְזֵירָה, אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה, "מִיָּד אִתְבַּטֵּל וְאִסְתָּלַּק מִנֵּיהּ" דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועט דִי גְזֵירָה יָא בָּטֵל וֶוערְן, "וְלָא שַׁרְיָא עֲלֵיהּ דְּבַר נָשׁ בְּהַאי עַלְמָא" אוּן דִי גְזֵירָה וֶועט נִישְׁט זַיין אוֹיף אִים, "וּבְגִין כָּךְ" דֶערְפַאר - "בָּעֵי לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּאוֹרַיְתָא" דַארְף מֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "יְמָמָא וְלֵילֵי" בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, "וְלָא יִתְעֲדֵי מִינָהּ" אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן פוּן דִי תּוֹרָה, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "וְהָגִיתָ בּוֹ" זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, "יוֹמָם וָלַיְלָה" בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט. "וְאִי אִתְעֲדֵי מִינָּהּ דְּאוֹרַיְיתָא" ווַייל אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אוֹ אִתְפְּרַשׁ מִינָהּ" אָדֶער מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, "כְּאִלּוּ אִתְפְּרַשׁ מֵאִילָנָא דְחַיֵּי" אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; עַיֵּין שָׁם.

הֶער נִישְׁט קַיין נֵייעֶס - וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס, אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג זָאל מֶען עֶס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ

גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ גֶעבְּן שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן שְׁרַייבְּן הֶערְלִיכֶע בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וֶועגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, זָאל מֶען בֶּעטְן נָאר אוֹיף וָואס אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז יֶעצְט מַיין שְׁטֶער, אָדֶער בֶּעט מֶען בִּכְלָלִיּוּת פַאר דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף יֶעצְט? צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ דַארְף אִיךְ אַ קַאר אוּן אִיךְ גֵיי צוּם דִילֶער, זָאל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער פַּארְקוֹיפֶער זָאל יֶעצְט הָאבְּן אַ גוּטֶע קַאר פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין פְּרַייז וָואס אִיךְ וִויל, אָדֶער דַארְף אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען סְתָּם פַאר אַ גוּטֶע קַאר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. לֵייג אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לז) **: "עַל כָּל הַדְּבָרִים", אוֹיף אַלֶע זַאכְן, "הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל", סַיי אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן, "הֵן עַל דָּבָר קָטָן", אוּן סַיי אוֹיף קְלֵיינֶע זַאכְן - "תִּתְפַּלֵּל", זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## זָאל מֶען גֵיין אִין מִקְוֶה אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג וָואס מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיב אִיז מֶען חַס וְשָׁלוֹם דוּרכְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלַן, בַּיינַאכְט נָאךְ דִי שְׁקִיעָה, דַארְף מֶען גֵיין אִין מִקְוֶה נָאךְ יֶענֶעם טָאג, אָדֶער אִיז גֶענוּג אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה דֶעם קוּמֶענְדִיגְן אִינְדֶערפְרִי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא) בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: ״דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה״, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

דֶעריבֶּער, אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן - זָאלְסְטוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵיין אִין מִקְוֶה. אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְדֶערפְרִי אִין מִקְוֶה - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאכְאַמָאל; אַז מֶען וַואשְׁט אוֹיס אַ קְלֵייד אוּן עֶס וֶוערְט שְׁמוּצִיג פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אַז מֶען דַארְף דָאס נָאכְאַמָאל רֵיין מַאכְן, אוּן נָאכְאַמָאל רֵיין מַאכְן; אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, מֶען הָאט זִיךְ מְטַהֵר גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז לֵיידֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג - דַארְף מֶען זִיךְ גֵיין פוּנְדָאסְנֵיי רֵיינִיגְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): ״צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לִטְבֹּל בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בִּלְתִּי טָהוֹר״, מֶען זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה אִינֶעם טָאג וָואס מֶען אִיז נִישְׁט רֵיין, ״וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יוּכַל לִטְבֹּל בַּבֹּקֶר״, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְדֶערְפְרִי, ״עַל כָּל פָּנִים יִטְבֹּל בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם, אֲפִלּוּ לִפְנוֹת עֶרֶב״, זָאל מֶען כָאטְשִׁיג גֵיין פַארְנַאכְטְס, ״כִּי צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לִטְבֹּל בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם דַיְקָא״, מֶען זָאל זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין יֶענֶעם טָאג.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין

**נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אִיךְ נֶעם זִיךְ כָּאר אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.**

**דֶער רֶבִּי זָאגְט, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - דָאס אִיז דִי וֶועג, אוּן וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶען דַארְף הָאבְּן אַן אַרְבֶּעט, נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תָּשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג ; מֶען קֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל נָאר אַז מֶען אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַן אַרְבֶּעט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי וָואס גֶעבְּן קֶעסְט, זֵיי הַאלְטְן אוֹיס דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז נָאר אַז זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אַז נִישְׁט זָאל מֶען אַרוֹיסְוַוארְפְן זֵייעֶרֶע קִישֶׁענֶעס אוּן דֶעקֶעס, דִי בֶּעט גֶעוַואנְט - פוּן פֶּענְסְטֶער ; זֵיי זָאלְן זִיךְ מוּזְן טְרֶעפְן אַ דִירָה אוּן צָאלְן רֶענְט, אַבִּי נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג.

עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ לֶעבְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם - אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, זִיךְ וֵוייקְן אִין מִקְוֶה בִּיז צְוֵויי אַזֵייגֶער אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית נָאכְמִיטָאג.

גֵיי אַרְבֶּעטְן. לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן שְׁטֵיי אוֹיף צַייטְלִיךְ, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען.

לָאז מִיךְ וִויסְן דַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל קַיין בַּטְלָנִים.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ לִיבּ דִיר.

...

## וואוּיל פַאר דִיר אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע פוּן בָּארְגְן גֶעלְט וְכוּ׳; אַז דוּ ווילְסְט פַארְבָּארְגְן דַיין אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט - פַארְבָּארְג עֶס עֶנְדֶערְשׁ פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת וֶועלְן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִיר, אָבֶּער אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת וֶוערְן גֶעבּוֹיט דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ. עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פוּן יַבְנְאֵל אֵיינֶער פוּן דִי שַׁמָּשִׁים בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ צוּ מִיר, אִיךְ זָאל אִים הֶעלְפְן צַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט פַאר אִים. אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט. נָאכְדֶעם גֶעבּ אִיךְ אַ טְרַאכְט ׳אֵיין מִינוּט, לָאמִיר פְרֶעגְן מוֹהֲרָא״שׁ׳, אִיךְ פְרֶעג מוֹהֲרָא״שׁ, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מִיר דִי וֶוערְטֶער: ״עֶר וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִיר, דוּ שְׁטֶעל צוּזַאם גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, הַדְפָּסָה וְכוּ׳״.

אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן נִישְׁט צוּ פַארְבָּארְגְן פַאר אַנְדֶערֶע, אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ דִיר יָא זָאגְן: ״וואוּיל פַאר דִיר אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דִיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן.

פַארְלַייג זִיךְ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, דָאס הֵיילְט בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, מִשְׁנָה אִיז מְשַׁנֶּה, מִשְׁנָה גֶעבְּט אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה, מִשְׁנָה רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אַז מֶען אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַז אִיר זֶענְט בַּאקְוֶועם צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם צוּ זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן.

שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס צוּ גֵיין צוּ זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם דַארְפְט אִיר נִישְׁט קוּמֶען; אִיר קֶענְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן לַיין.

אַזוֹי אוֹיךְ יוֹם טוֹב שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיי דִי הַקָּפוֹת - דַארְף מֶען נִישְׁט קוּמֶען, מֶען קֶען טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ אַלֵיינְס. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ אַלֵיינְס, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רסג).

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיר טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעזוּנְט', 'אִיךְ בִּין נִישְׁט נָארְמַאל', זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן, אוּן זִיךְ זָאגְן 'אִיךְ בִּין יָא גֶעזוּנְט, אִיךְ בִּין יָא נָארְמַאל'.

בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ, זַייט אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע, גְרֵייטְס אָן אִינְדֶערְפְרִי אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, אִין סְקוּל, גְרֵייט זֵיי אָן עֶסְן, אוּן וַוארְטְס זֵיי אָפּ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ ווּאוּילֶער מַאן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**וֶוער קֶען חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה פַאר אוּמְזִיסְט?**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה וְכוּ׳; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה מִיט אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא, אָבֶּער דָאס קֶען זַיין נָאר מִיט צְוֵויי תְּנָאִים.

עֶרְשְׁטְנְס, נָאר אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים זֶענֶען מַסְכִּים.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה - גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, נָאר גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן; אָבֶּער אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן שֶׁעמֶען זִיךְ חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אִין אַ שׁוּל - וְוִיל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְחַצֵף זַיין צוּ זֵיי.

אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ גֶעזָאגְט פַאר דַיין כַּלָּה תִּחְיֶ׳; זִי פְרֶעגְט וָואס זִי קֶען טוּן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אֵיין עֵצָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, זִי זָאל זֵיי זָאגְן אַז פַאר אִיר מֵיינְט עֶס זֵייעֶר אַסַאךְ, פַאר אִיר אִיז דָאס אִיר לֶעבְּן.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, זָאלְסְטוּ זֵיי בֶּעטְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאג זֵיי אַז דוּ ווִילְסְט דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי דִי חֲתוּנָה, דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֵייט נִישְׁט צוּ קַיין חֲתוּנוֹת נָאר אִין יְשִׁיבָה.

חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה, חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר טַאטֶע מַאמֶע, עֶס לוֹינְט נִישְׁט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה - אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה; צוּ עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען רֶעדְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דִי צְוֵוייטֶע תְּנַאי, נָאר וֶוער עֶס מַאכְט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ בַּאוַוארְפְן, מֶען עֶסְט אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי אַ גֶעהֶעריגֶע שַׁבָּת, אוּן אוֹיךְ דִי שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז

פָּשׁוּט אָן קַיין זַאל, אָן קַיין קֶעטֶערִינְג און אָן קַיין אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט; נָאר דֶעמָאלְט קֶען מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ טֵייעֶרֶע בַּאוואַרְפְן, אַ טֵייעֶרֶע שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת - הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פֶּערְצִיג חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה אַזוֹי וִוי מֶען פְלֶעגְט חֲתוּנָה מַאכְן אִין אַלֶע דוֹרוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און עֶס וֶועלְן נָאךְ זַיין הוּנְדֶערְטֶער און טוֹיזְנְטֶער אַזֶעלְכֶע חֲתוּנוֹת, פָּשׁוּט, מִיט אַ אִידִישְׁן טַעַם.

דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶס אִיז גֶעוִנְצְלִיךְ בְּחִנָּם, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קָאכְן דִי עֶסְן. דִי סְעוּדָה אִיז אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נָאר פַּאר חָתָן כַּלָה, פַּאר דִי מְחוּתָּנִים, זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס, און נָאר דִי חָתָן כַּלָה'ס גֶעשְׁוִוסְטֶער. דִי אִיבְּרִיגֶע מִשְׁפָּחָה קֶענֶען עֶסְן אַ פֵיינֶע מָאלְצַייט אִין שְׁטוּבּ, און אוֹיבּ זֵיי ווִילְן זִיךְ פְרֵייעֶן - קֶענֶען זֵיי קוּמֶען בַּיים טַאנְצְן ווִינְטְשְׁן מַזָל טוֹב.

נָאכְאַמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער חָתָן, הָאסְט גֶעלֶערְנְט דִי פָּאר יָאר אִין יְשִׁיבָה, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט דִי אַלֶע יָארְן. דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; רֶעד צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט דִי צָרוֹת און בִּיטֶערְנִישׁ וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי כָּבוֹד פוּן עֶלְטֶערְן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, פַּארְלֵייג זִיךְ אוֹיף לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, און אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים; דִי צְוֵויי שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ זָאגְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ - וֶועסְטוּ וֶוערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

...

### גֵיין לֵיידִיג אִיז שֶׁעדְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר מַאן הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט שִׂמְחַת תּוֹרָה אוֹיבּ אִיר זָאלְט נֶעמֶען דִי

אַרְבֶּעט בַּיי ..., הֱיוֹת עֶס הָאט אַ חִסָּרוֹן אַז אַסַאךְ מָאל עֶנְדִיגְט מֶען דִי אַרְבֶּעט שְׁפֶּעט, עֶר ווִיל ווִיסְן וָואס אִיךְ הַאלְט.

אִיךְ מַיין עֶס אִיז יָא כְּדַאי צוּ נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט, עֶנְדֶערְשׁ ווִי גֵיין לֵיידִיג; אַ יוּנְג וַוייבְּל אָן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אָן אַן אַרְבֶּעט, גֵיין לֵיידִיג אִיז שֶׁעדְלִיךְ, גֵיין לֵיידִיג מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט, אֲפִילוּ אִיר עֶנְדִיגְט אַמָאל שְׁפֶּעט, אוּן וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער - דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, זַיין אַ מַאמֶע פַּאר דִי קִינְדֶער.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, קְרִיאַת שְׁמַע, דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ. בֶּעטְס אִים אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אִים אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט - וֶוערְט זִיסֶער דָאס לֶעבְּן.

אוֹיבּ אִיר הָאט זַאכְן דוּרְךְ צוּ רֶעדְן - קֶענְט אִיר קוּמֶען זוּנְטָאג מִיט אַייעֶר מַאן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָדֶער יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת מְבָרְכִים אִין שְׁטֶעטְל, דֶעמָאלְט נֶעם אִיךְ אוֹיף בִּקְבִיעוּת מַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

**אַהֵיימְקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר גוּט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, ווִיפִיל אוּן וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אוֹיךְ דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן פוּן דִיר זֵייעֶר אַסַאךְ נַחַת.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, יֶעצְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ יָאר אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם מַגִּיד שִׁיעוּר, הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים, עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען. עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן,

דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע פְרֵייעֶן, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט; דוּ וֶועסְט אַהֵיימְקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר גוּט.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ שְׁטֵיין אִין שִׁידוּכִים, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

לָאז מִיךְ וִויסְן וָואס דוּ הָאסְט מַחְלִיט גֶעוֶוען.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

**בַּטֵל נִישְׁט קַיין צַייט, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן בַּיינַאכְט, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ צוּ לֶעבְן דָארְט; מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְרִי, אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי.

נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא פַאר אִינְדֶערְפְרִי צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, מֶען הוֹיבְּט אָן מַסֶכֶת נְדָרִים, אַ הֶערְלִיכֶע מַסֶכְתָּא. נֶעם אַ חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ׳ זַיין; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי, אֲפִילוּ דוּ לֶערְנְסְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן פַּארְטָאגְס עֶפֶּעס אַ גָאר גוּטֶע טַעַם בַּיים לֶערְנֶען.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר, בַּטֵל נִישְׁט קַיין צַייט. דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, נָאךְ מַעֲרִיב גֵיי אַהֵיים; אָדֶער הֶעלְף דַיין וַוייבּ, אָדֶער לֶערְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער גֵיי שְׁלָאפְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער, וֶוען דוּ זֶעסְט אִים גְרוּס אִים אוּן זָאג אִים אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס. אַזוֹי אוֹיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; בַּאגְרוּס דַיין לֶענְדְלָארְד, בַּאגְרוּס דִי גַבָּאִים, בַּאגְרוּס יֶעדְן אֵיינֶעם, בְּרֶענְג אַרַיין אִין שְׁטֶעטְל אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

### די פְּרוֹיעֶן דַארְפְן אַסַאךְ וִויכְטִיגֶער דֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט שְׁלֶעפְּן צוּ קוּמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אוּן אֲפִילוּ עֶס וֶועט דִיר גֶעלוּנְגֶען אִיר מְשַׁכְנֵעַ צוּ זַיין - וֶועסְטוּ שְׁפֶּעטֶער לַיידְן פוּן דֶעם. עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ אִין מָאנְסִי אוּן וַוארְט אַבִּיסְל, בִּיז זִי וֶועט וֶועלְן קוּמֶען.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט שְׁטוּפְּן - וֶועט זִי דִיר שְׁלֶעפְּן צוּ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, וַוייל דִי פְּרוֹיעֶן דַארְפְן אַסַאךְ וִויכְטִיגֶער דֶעם רֶבִּי'ן, זֵיי דַארְפְן דֶער רֶבִּי זָאל מְחַזֵּק זַיין דֶעם מַאן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ וד"ל.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, דוּ וָואלְסְט זִיךְ נָאךְ גֶעקֶענְט וַואלְגֶערְן אִין יְשִׁיבָה כַּמָּה שָׁנִים... טְרַאכְט צוּרִיק דִי גְרוֹיסֶע נֵס פוּן דַיין שִׁידוּךְ, דִי נֵס אַז דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דִי נֵס אַז דוּ הָאסְט קִינְדֶער אוּן דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע נִיסִים.

מַאךְ אִין מָאנְסִי אַ לוּפְט פוּן שְׁטֶעטְל, גֵיי יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי מִיטְהַאלְטְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אוֹיךְ הוֹיבְּט זִיךְ יֶעצְט צוּרִיק אָן יֶעדֶע נַאכְט דֶעם דַף שִׁיעוּר. פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאבְרֵךְ אֶלִי קְנָאלְל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶועט דִיר אַיינְמֶעלְדְן וואוּ אוּן וֶוען דִי שִׁיעוּרִים קוּמֶען פָאר.

...

## אַ גֶעשְׁמַאקֶע רוּאִיגֶע שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין זִיךְ גֶעפָארְן אָפְּרוּעֶן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער. זַיין אַ שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - הֵיילְט מַמָּשׁ אוֹיס. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִילֶער שַׁבָּת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אָנְלוֹיפֶענִישׁ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזָאגְט פָארְאוֹיס אַז אִיךְ גֵיי דָארְט זַיין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן.

אִיךְ וֶועל דִיר אַבִּיסְל שְׁרַייבְּן פוּנֶעם שֵׁיינֶעם שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי נַייעֶ צְוֵויי גֶעגֶענְטֶער וָואס מִיר בּוֹיעֶן יֶעצְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אֵיין גֶעגֶענְט אוֹיף טְרוֹין בְּרִידְזְשׁ; דָארְט וֶועט זַיין אִיבֶּער דְרַייסִיג דִירוֹת מִיט אַ שׁוּל אוּן אַ מִקְוֶה, דִי דִירוֹת אִיז נִישְׁט צוּם פַארְקוֹיפְן, דִי דִירוֹת אִיז צוּ דִינְגֶען; דִי פְּרַייזְן וֶועלְן זַיין זֵייעֶר בִּילִיג, אַ דָאלֶער אַ סְקְוֶוער פִיס, שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דִירוֹת, מִיר הָאפְן אַז דִי דִירוֹת וֶועלְן שׁוֹין זַיין פַארְטִיג אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן פֶּסַח, אוּן אַלֶע וָואס וִוילְן דִינְגֶען אַ דִירָה אִין דִי נַייעֶ גֶעגֶענְט זָאלְן זִיךְ מֶעלְדְן וִוי פְרִיעֶר בַּיי מִיר.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי צְוֵוייטֶע נַייעֶ גֶעגֶענְט אוֹיף דִי גַאס רֶעד קְלִיף, דָארְט וֶועלְן זַיין פוּפְצְן הַייזֶער. דִי הַייזֶער זֶענֶען צוּ פַארְקוֹיפְן, וֶוער עֶס ווִיל קוֹיפְן אַ הוֹיז זָאל זִיךְ מֶעלְדְן וִוי פְרִיעֶר.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן בַּיים זְמַן מִיט אַ קַאר; מִיט אַ קַאר נֶעמְט צוּ פָארְן פוּן מַיין שְׁטוּבּ צְוֵויי מִינוּט, גֵיין צוּ פִיס נֶעמְט כִּמְעַט אַ שָׁעָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אַ קְלֵיין מִנְיָן פוּן אַ מִנְיָן מִתְפַּלְּלִים, מִיט אַזַא אַחְדוּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט ווִי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאט אַזוֹי אוֹיסְגֶעזֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קוּים אַ מִנְיָן פוּן צֶען, יֶעדֶע תְּפִלָּה פְלֶעגְט מֶען וַוארְטְן אוֹיף אַ צֶענְטֶער. פוּן אֵיין

זַייט אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוֶוער דָאס וַוארְטְן אוֹיף מִנְיָן, אָבֶער דִי לִיבְשַׁאפְט און אַחְדוּת, דִי תְּמִימוּת און פְּשׁוּטְ׳קֵייט - דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן, פִּינְקְט אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דָארְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעוָואקְט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער און מִיט נָאךְ אַפָּאר אִינְגֶעלַייט, אַ וֶועג פון כִּמְעַט אַ שָׁעָה. עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ לַאנְגֶער וֶועג, וַוייל אַז מֶען גֵייט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען רֶעדְט פון רֶבִּי׳ן, מֶען רֶעדְט פון מַעֲשִׂיּוֹת פון תְּפִלָּה - פַארְגֶעסְט מֶען פון אַלֶעם, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען שְׁפַּאצִירְט אִין גַן עֵדֶן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן סְעוּדָה זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת און גֶעשְׁמוּעֶסְט שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוְוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בְּנַחַל, אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַוֶועק פון מַיין שְׁטוּבּ. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ דַאוְוענֶען דָארְט, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע שׁוּל, אַלֶע זֶענֶען דָארְט פְרֵיילִיךְ, הָאַבְרֵךְ מְשׁוּלָּם פִּינְטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען פַאר זַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל.

בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּנֶעם תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וָואס הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם קְמֵעוֹת און שְׁמִירוֹת, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דֶער טֵייוְול הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים; דָאס זֶענֶען דִי סְפָרִים פון רֶבִּי׳ן וָואס אִיז מְחַזֵּק און מְעוֹדֵד, וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט מֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פון קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אֵיינֶער פון דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעוִויזְן אַ בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען צְוֵויי יָאר צוּרִיק וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרוּטָה אִין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אִין גְרָאסֶערִי נָאכְן דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם גַאנְצְן וָואגְן מִיט עֶסְן וֶוען דִי קַארְטְל הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט, און דִי בְּרִיוו הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן און נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי בְּרִיוו הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פון דִי נִסָּיוֹן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי קַמֵיעַ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דִי קַמֵיעַ אִיז נִישְׁט מֶער וִוי מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען; אַז דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַז מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּ אוּנְז גֶערֶעדְט טָאג אוּן נַאכְט נָאר פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי קַמֵיעַ וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם תַּם, אוּן דָאס הָאט אִים בַּארוֹאִיגְט. אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת, מִיר וֶועלְן אַריינְקוּקְן אִין דִי בְּרִיוו, אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים – וֶועלְן מִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַ וֶועג פוּן אַ שָׁעָה. בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי פַּרְשָׁה (בְּרֵאשִׁית יב, א): "וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן אִיד: 'גֵיי צוּ דִיר, קוּק אוֹיף דִיר, לֶעבּ מִיט דִיר; מַאךְ נִישְׁט נָאךְ אַ צְוֵוייטְן, דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וֶועג'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט מֶען זָאל נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל טוּן לוֹיט זַיין נְקוּדָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבְן וֶועט מֶען מִיךְ נִישְׁט פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא צַדִיק אַזוֹי וִוי מַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען וֶועט מִיךְ פָארְהַאלְטְן לוֹיט מִיר אַלֵיינְס".

יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; יֶעדֶער הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אִיז נִישְׁטָא בַּיי קֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: 'לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְּאַבָּא אֻמָּנָא'", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרִיס פוּן הִימְל – יֶעדֶע עֶרֶב שַׁבָּת, עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אַ בַּת קוֹל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי";

רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר דֶעם בַּת קוֹל, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַארְוָואס דֶער פָּשׁוּט'ער דָאקְטֶער בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל אוּן עֶר בַּאקוּמְט דָאס נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן דֶעם, אוּן פַאר דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

הַיינְט אִיז בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, דִי שְׁטָאט אִיז צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי, מֶען לוֹיפְט; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען, אָנוּ רָצִים וְהֵם רָצִים, וואוּ לוֹיפְן מִיר? מִיר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן, מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן; דוּרְךְ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט.

אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן דִי וָואךְ פַאר אֵיינֶעם אַ חוֹב, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר בָּארְגְן עֶפֶּעס גֶעלְט בִּיז פּוּרִים הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; לָאז מִיר וִויסְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאלְסְטוּ נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דַיין וַוייבּ; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן בָּארְגְן גֶעלְט, גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן חוֹבוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין חוֹבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה

לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב" וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן - זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת.

קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ מֶען זָאל בָּארְגְן, אָבֶּער צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אֲוֶועקְלֶייגְן גֶעלְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר דֶעם צְוֶועק, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פָארְן אָן קַיין חוֹבוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ אִין שְׁטֶעטְל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז אַזַא שֵׁיינֶע פְּלַאץ, אַ זוּיבֶּערֶע פְּלַאץ; מַמָּשׁ אֲוִיר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ פְּלַאץ גֶעאֵייגְנְט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; מֶען קֶען זִיךְ דָארְט אַזוֹי גוּט אוֹיסְשְׁמוּעסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים מִיט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה'; יֶעדְן טָאג קוּמֶען מִיר מֶענְטְשְׁן זָאגְן וִוי דִי בְּרִיוו דֶערְקְוִויקְט זֵייעֶר הַארְץ, עֶס פִילְט אָן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס אִיז זֵיי מְחַזֵּק צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער קְלֵיינֶער בָּחוּר'ל דָוִד הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ גָּלְיַת, עֶר לוֹיפְט אִים אַנְטְקֶעגְן מִיט דִי אֱמוּנָה.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ מִיט זֶעקְס פִינְגֶער אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט, מִיט גְרוֹיסֶע כְּלֵי זַיין, אוּן אַנְטְקֶעגְן אִים שְׁטֵייט אַ בָּחוּר'ל מִיט פִיר שְׁטֵיינֶער אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט, אוּן אֵיין שְׁטֵיין מִיט

דִי צְוֵויי פִינְגֶער פוּנֶעם רֶעכְטְן הַאנְט, גְרֵייט צוּ וַוארְפְן. מַאךְ דֶעם בָּחוּר מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן דֶעם פַארְשׁוֹין מִיט אַ פָּנִים פוּן כַּעַס.

מַעֲשֶׂה:

אַלֶע אִידְן וֵויינֶען, אַלֶע בַּאהַאלְטְן זִיךְ אִין דִי הַייזֶער מִיט פַארְמַאכְטֶע פֶענְסְטֶער; 'וָואס גֵייט דָא זַיין?' עֶס אִיז אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק, דִי פְּלִשְׁתִּים דִי אַרַאבֶּער וָואס טְשֶׁעפֶּען אַלֶע יָארְן דִי אִידְן - הָאבְּן אַ נֵייעֶם פְּלַאן, זֵיי ווִילְן מַאכְן אַ פַארְמֶעסְט. קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס מֵיינְט 'אַ פַארְמֶעסְט'? מֶען נֶעמְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער אַנְטְקֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן, דִי צְוֵויי פַארְטְרֶעטְן אַנְדֶערֶע, זֵיי מַאכְן אַ מִלְחָמָה אוּן וֶוער עֶס פַארְלִירְט מֵיינְט אַז אַלֶע הָאבְּן פַארְלוֹירְן.

דִי אַרַאבֶּער זָאגְן: "מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ גִיבּוֹר אוּן דִי אִידְן זָאלְן אוֹיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ גִיבּוֹר, דִי צְוֵויי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אוּן אוֹיבּ דֶער פְּלִשְׁתִּי וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועלְן דִי אִידְן זַיין אוּנְטֶערְדְרוּקְט אוּנְטֶער דִי אַרַאבֶּער אוּן אוֹיבּ דֶער אִיד וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועלְן מִיר זַיין עֶנְקֶערֶע קְנֶעכְט".

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ מִין בַּאשֶׁעפֶענִיש, מֶען קֶען אִים נִישְׁט אָנְרוּפְן מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מֶער ווִי אַ פַארְצִיקֶנְדֶע חַיָּה ווִי אַ מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן "גָּלְיַת", עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט זֶעקְס פִינְגֶער אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רִיז, הוֹיךְ צְוֶועלְף פִּיס, טָאפְּלְט פוּן אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אַפִּיקוֹרֶס, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע בַּארְג אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי אִידְן, עֶר הָאט גֶעלַאכְט פוּן דִי אִידְן אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוֹיךְ דֶער קֶענִיג "שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ" אִיז בַּאהַאלְטְן. אַלֶע וֵויינֶען, מֶען צִיטֶערְט, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם שְׁרֶעקֶעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ "גָּלְיַת".

אֵיין קְלֵיין אִינְגְל - מִיטְ'ן נָאמֶען "דָוִד" - זָאגְט פַארְ'ן אִידִישְׁן קֶענִיג: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, דֶער קֶענִיג זָאל מִיר גֶעבְּן רְשׁוּת, אִיךְ וֶועל גֵיין הַרְגֶ'נֶען דֶעם פְּלִשְׁתִּי". דֶער קֶענִיג וואוּנְדֶערְט זִיךְ: "וָואס? דוּ קְלֵיינֶער אִינְגְל, דוּ קֶענְסְט

זיךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי רִיזִיגֶע חַיָ?!" דָוִד זָאגְט: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר הֶעלְפְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס טוּן, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד"; דֶער קֶענִיג גֶעבְּט רְשׁוּת.

דָוִד שְׁפְּרִינְגְט אַרוּיף אוֹיפְ'ן בַּארְג, עֶר נֶעמְט פִינְף שְׁטֵיינֶער, דִי פִינְף שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דִי פִינְף וֶוערְטֶער וָואס מִיר אִידְן זָאגְן יֶעדְן טָאג: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד". אֵיין שְׁטֵיין אִיז "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", דִי צְוֵוייטֶע שְׁטֵיין "ה'", דִי דְרִיטֶע שְׁטֵיין "אֱלֹקֵינוּ", דִי פֶערְטֶער שְׁטֵיין "ה'" אוּן דִי פִינְפְטֶע שְׁטֵיין "אֶחָד". עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ: "הֶערְט אוֹיס אַלֶע אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְזֶער גָאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים".

דֶער פַארְצִיקְנְדֶער חַיָ' וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, עֶר שְׁרֵייט: "וָ ו א א ס ס??? אִיךְ בִּין אַ הוּנְט??? וָואס דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ?!" אַ הוּנְט וֶוען מֶען וִויל עֶס פַארְטְרַייבְּן - וַוארְפְט מֶען קְלֵיינֶע שְׁטֵיינֶער; "אִיךְ בִּין דֶער גְרוֹיסֶער גִיבּוֹר, דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער אַרַאבֶּער! מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מֶעסֶער! אוּן דִי גְרֶעסְטֶע גָאן!!!"

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט מוֹרָא, עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן'; עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל...!" אוּן נֶעמְט אַ שְׁטֵיין אוּן שִׁיסְט עֶס אַרַיין אִינֶעם קָאפּ פוּנֶעם פְּלִשְׁתִּי, דֶער רִיזִיגֶער פְּלִשְׁתִּי פַאלְט אַרָאפּ, עֶר חַלֶשְׁ'ט! אוּן דָוִד לוֹיפְט צוּ צוּ אִים, עֶר כַאפְּט זַיין מֶעסֶער אוּן שְׁנַיידְט אָפּ זַיין קָאפּ.

אַלֶע אַרַאבֶּער אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה.

ווִי אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעוואוּנֶען דִי מִלְחָמָה? מִיט אֱמוּנָה! מִיט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - קֶען אִים קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן, ווַייל מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזִיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער קוּנְץ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען אַלֶעס גֵייט אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט אוּן דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, אַוַדַאי בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, וֶוער אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ וֶוען אַלֶעס קְלַאפְּט? דֶער קוּנְץ אִיז וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט פוּן דַיין ווִילְן, זַאכְן רוּקְן זִיךְ נִישְׁט, דוּ בִּיסְט גוּט צֶעקְוֶועטְשְׁט פוּן אַלֶע זַייטְן; פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דָאךְ בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ - דָאס אִיז אַ קוּנְץ, דָאס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַקְדָמָה, ד.) עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אִין הִימְל יֶעדְן טָאג וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא" וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל לִיכְטִיג, "וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא, עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא" וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס; "מָאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ'" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער הָאט אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען מַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, אוּן פוּן טוּנְקְלְקֵייט לִיכְטִיג, מֶען וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער - דֶער אִיז אַ צַדִיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ אִים. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְאָחִיד בִּידָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא" קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא" דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליְגט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי" עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי" אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי" קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ" עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אִין שְׁטֶעטְל דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, מִיר הָאבְּן דָאס צֶעטֵיילְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער. רוֹב פְּרוֹיעֶן זֶענֶען מֶער בַּאקְוֶועם וֶוען דָאס אִיז צֶעטֵיילְט אוֹיף קְלֶענֶערֶע גְרוּפְּס, דִי וָואךְ וֶועט זַיין נָאךְ אַ צַאמְקוּם אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק", אַזוֹי וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר דִי פְּרוֹיעֶן מִיט צוּ הַאלְטְן. זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין הֶערְן אַבִּיסְל חִיזּוּק, זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְפְרִישְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַנְשְׁטָאט זָאגְן 'נֵיין' אָדֶער 'יָא', דַארְף מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר הַנְהָלָה

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר דִיר אוּן פַאר דִי אַנְדֶערֶע חַבְרֵי הַנְהָלָה צוּ זַיין אָפְן

מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אַנְשְׁטָאט זָאגְן 'נֵיין' אָדֶער 'יָא' – זָאלְט אִיר רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס דָא גֵייט פָּאר. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אִינְגֶעלַייט ווילְן אִינְוֶועסְטִירְן, קוֹיפְן אַלְטֶע בִּנְיָנִים אִין דִי ווִילִידְזְשׁ, אוּן מִיר ווִילְן נִישְׁט עֶס זָאלְן קוּמֶען גֶעווִיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט, אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְן דִי פְּרַייזְן, אִיז אַנְשְׁטָאט זָאגְן "נֵיין", "מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן" – דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אוּן אַלֶע זָאלְן ווִיסְן וָואס יָא צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען דָא וואוֹינֶען זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט מִיר. מִיר אַלֶע ווִילְן אֵיין זַאךְ, מִיר ווִילְן לֶעבְן מִיט לִיבְשַׁאפְט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה. מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן.

אִיךְ הָאב עֶנְק שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעבֶּעטְן עֶנְק זָאלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען טוּט אוּן פַארְוָואס מֶען טוּט, אַזוֹי וֶועט אִיר אַרָאפְּנֶעמֶען אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיף מִיר.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע חַבְרֵי הַנְהָלָה, פַּארְ'ן טוּן טָאג אוּן נַאכְט פַּאר אוּנְזֶער קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי חוֹבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ – זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁטֶעלְן דִי זַאךְ פוּן בָּארְגְן, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן גֶעלְט. אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג גֶעלְט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט – זָאלְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה; אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט – קֶען מֶען צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט; אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן.

אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט צוּזָאגְן קַיין גֶעלְט - אֲפִילוּ פַאר צְדָקָה. אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אָבֶּער דָאס זִיךְ מְחַיֵּיב זַיין אוּן נוּצְן קְרֶעדִיט קַארְדְס - אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל דָאס וֶועט דִיר אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין חוֹבוֹת - וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו); אִיךְ רֶעד אֲפִילוּ פוּן זַאכְן וָואס מֶען בֶּעט דִיר פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה - זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִיר בְּשֵׁם מַיין נָאמֶען - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּקוֹיפְן; נָאר וָואס דוּ זֶעסְט אִין דִי בְּרִיוו - דָאס זָאג אִיךְ, וָואס דֶער זָאגְט דִיר אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט דִיר בְּשֵׁם מִיר - נֶעם אִיךְ נִישְׁט קַיין אַחְרָיוּת. קוּק דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן בָּארְגְן; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן, פוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דַיינֶע הוֹצָאוֹת אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, אֶפְשָׁר גֶעבְּסְטוּ אוֹיס גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן? אִיךְ זֶע אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז דָא גֶעצֵיילְטֶע בָּחוּרִים וָואס לֶעבְּן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הֶפְקֵרוּת, מִיט אַ פְרֶעכְקֵייט; זֵיי קוֹיפְן זִיךְ עֶסְן, פְּרִישְׁטָאג, מִיטָאג וְכַדוֹמֶה - פַאר טֵייעֶר גֶעלְט. זֵיי קֶענֶען עֶסְן אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם, דָאךְ לֶעבְּן זֵיי הֶפְקֵר, זֵיי קוֹיפְן זִיךְ טֵייעֶרֶע מָאלְצַייטְן. אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אַסַאךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן אַזַא הֶפְקֵר לֶעבְּן; עֶס קוּמְט אוֹיס אַז מֶען רֶעכְנְט צַאם אַלֶע סְעוּדוֹת צוּ הוּנְדֶערְטֶער דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, אָן קַיין גוּזְמָא, דָאס אִיז הֶפְקֵרוּת. אַזוֹי אוֹיךְ זָאג אִיךְ זֵיי, קֶענְסְט טְרִינְקֶען וַואסֶער אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם, אַנְשְׁטָאט דֶעם גֶעבְּן זֵיי אוֹיס גֶעלְט פַאר סָאדֶע, בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין חוֹבוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אֶפְשָׁר לֶעבְּסְטוּ הֶפְקֵירוּת׳דִיג? אִיךְ זָאג נִישְׁט דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ קַארְגֶער, אַ קַמְצָן; מֶען רֶעדְט פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, לֶעבְּן אוּמְאוֹיסְגֶערֶעכְנְט. אוּן אַז דוּ לֶעבְּסְט יָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אוּן דָאךְ קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן - זָאלְסְטוּ גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ צְדָקָה. קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן וואוּ דוּ גֵייסְט, דַארְפְסְט נִישְׁט קֵיינֶעם דֶערְצֵיילְן. גֵיי פַארְנַאכְטְס פַאר אַ שָׁעָה, אוּן בַּיים גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן גֶעבּ אַבִּיסְל פַאר צְדָקָה אוּן אַבִּיסְל פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אָרֶעם. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט עֶר זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז נָאר דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ, אִיךְ זִינְדִיג, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין; הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".**

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו אַפָּאר מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט טַאקֶע אָפְּמַאכְן 'גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי חוֹבוֹת'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט - דוּרְךְ דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זָאלְסְטוּ בְּעִיקָר בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - ווערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. וַוייל עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה בְּרֶענְגְט צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶען פַאלְט אִין דִי עֲבֵירָה - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפֵרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ" וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפֵירוּרִין דְּמוֹחָא" אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער וָואס וַוארְפְט אַרוֹיס דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּן מֹחַ, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן, דָאס אִיז אוֹיסֶער וָואס מֶען פַארְלִירְט אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן; עֶס וֶוערְט טוּנְקֶל, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי אֱמוּנָה קִילְט זִיךְ אָפּ, מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז מֶען וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְן. מֶען וֶוערְט אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט; אַלֶעס קוּמְט פוּן זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן דִי קָאפּ בִּיז דִי פִּיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

נֶעם אַ פּוּשְׁקֶע פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן לֵייג אַרַיין אַפָּאר פְּרוּטוֹת, סַיי אִינְדֶערפְרִי, סַיי אִינְמִיטְן טָאג אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה, אוּן וֶוען דִי פּוּשְׁקֶע אִיז פוּל בְּרֶענְג מִיר דָאס, אָדֶער בְּרֶענְג דָאס פַאר מַיין אֵיידֶעם, עֶר הֶעלְפְט מִיר מִיט דִי פּוּשְׁקֶעס. אוּן מִיט דִי פְּרוּטוֹת צָאל אִיךְ אָפּ שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן פַארְבָּארְגְן אַייעֶר סֵפֶר תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מוה"ר ... הי"ו

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן פַארְבָּארְגְן אַייעֶר סֵפֶר תּוֹרָה פַאר אוּנְזֶער שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בָּארָא פַּארְק.

אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (נָשֹׂא קלד.): "הַכֹּל תָּלוּי בְּמַזָּל, וַאֲפִילוּ סֵפֶר תּוֹרָה בְּהֵיכָל"; בַּיי אַייעֶר סֵפֶר תּוֹרָה קֶען מֶען דָאס זָאגְן, עֶס הָאט אַ גוּטֶע מַזָּל מֶען זָאל דָאס נוּצְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שׁוּל; אַ חַבוּרָה פוּן טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנְט שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאל אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

...

## דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אַ סְגוּלָה פַאר רְפוּאָה שְׁלֵימָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַז אַייעֶר קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט; דָא הָאט אִיר אַ סְגוּלָה פַאר אַ רְפוּאָה פַאר אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

אַמָאל אִיז דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה - דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער - זֵייעֶר קְרַאנְק

גֶעוָוארְן, און אִיר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי שָׂרָה'קֶע אִיז אַזוֹי פַארְשְׁלַאפְּט הָאט עֶס אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ פַארְקְלֶעמְט הַארְץ און הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן - קוּמְט צוּ אִים אִין חָלוֹם און פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּצַעַר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ בִּין בְּצַעַר וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי אִיז אַזוֹי קְרַאנְק".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין תְּהִלִּים, אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מג, נא): "מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ", דִי כַּוָונָה אִיז, 'מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, 'מַלְכּוֹ' פַאר דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְלָכִים (מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן [גִּיטִּין סב.]) 'וְעֹשֶׂה חֶסֶד' און עֶר טוּט חֶסֶד, 'לִמְשִׁיחוֹ' פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן, 'מָשִׁיחַ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמוּעֶסְן, מֵסִיחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט ווּאוּנְדֶער פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "דוּרְךְ סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועקְט זִיךְ אוֹיף און הוֹיבְּט אָן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, דֶער מַהַרְשָׁ"א (מ'וֹרֵנוּ הָ'רַב רֶ'בִּי שְׁ'מוּאֵל אֱ'לִיעֶזֶר אֵ'יידְלִיס) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא - דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב - אַ גְרוֹיסֶע קְלוֹיסְטֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה, און נִישְׁט וַוייט פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען דֶער אִידִישֶׁער בֵּית הַחַיִּים פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא, און יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט זַיין אַ לְוַיָ' פְלֶעגְט מֶען דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְלוֹיסְטֶער, און דִי גְלֶעקְלֶעךְ פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער פְלֶעגְן זִיךְ צוּקְלִינְגֶען און פַארְכַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט גֶעוּוּסְט פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט און מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַיין מִטָּה דֶעם קְלוֹיסְטֶער, זָאל מֶען לֵייגְן אוֹיפְ'ן בֶּעט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר חִידוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער

מַהַרְשָׁ״א אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן און מֶען הָאט גֶעפִירְט זַיין מִטָּה דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן טוּמְאָה, און אִין דִי מִינוּט וָואס דִי מִטָּה אִיז אַרִיבֶּער דִי טוּמְאָה און דִי גְלֶעקְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ״א זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט און אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם קוּקְט זִיךְ צוּ, עֶס אִיז אַ פַּחַד און אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ״א נָאכְן פְּטִירָה זִיצְן און מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, און אַזוֹי מִישְׁנְדִיג זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי קְלוֹיסְטֶער הוֹיבְּט אָן אַיינְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, יֶעדֶע בְּלַאט וָואס דֶער מַהַרְשָׁ״א מִישְׁט - גֵייט אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה מֶער און מֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַלֶע חֲפֵצִים; בִּיז מֶען הָאט אִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעזֶען און עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ זֵכֶר, אַ סִימָן - דָארְט אַרוּם דִי פְּלַאץ - עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט שָׂרָה׳קֶע זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט צוּ שְׁפִּירְן, און זִי פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ רְפוּאָה, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְן פַאר חוֹלִים.

דֶערְצֵיילְט אִים דִי מַעֲשֶׂה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

...

### מַזָּל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הַזְמָנָה.

אִיךְ וִויל אַייךְ וִוינְטְשְׁן מַזָּל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה, און אַ בְּרָכָה פַאר אַייךְ און דִי בְּנֵי בַּיִת, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דֶעם קִינְד און דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

### עֶס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָן קַיין מֶעדֶעצִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אוּן זָאגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף יָא גֶעבְּן רִיטֶעלִין פַאר'ן קִינְד - אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ אַייךְ יָא זָאגְן, מִיר הָאבְּן אִין אַמֶעריקֶע דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן דְרֵיי מֵיידְל סְקוּלְס אוּן קַיין אֵיין קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין רִיטֶעלִין וְכַדוֹמֶה, קַיין אֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם מֶעדֶעצִין (עַל כָּל פָּנִים מִטַּעַם הַמּוֹסָד; וָואס עֶלְטֶערְן טוּעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי קִינְדֶער - וֵויים אִיךְ נִישְׁט).

עֶס זֶענֶען דָא בַּיי אוּנְז קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט סְתָּם ווִילְד אוּן הֵייפֶּערְאַקְטִיוו, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין. מִיר הָאבְּן מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס מִיט שְׁטַארְקֶע סַבְלָנוּת אוּן מִיט גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיךְ מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אַזוֹי ווִי אַלֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ וויל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין צֵייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וירא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁמוּעֶסְט אָפּ מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס אַז אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אִין סְקוּל - דַארְף מֶען אַרַיינְגֶעבְּן כַּךְ וְכַךְ טֶעג פְרִיעֶר וְכַדוֹמֶה, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען דָאס טוּן. אוּן אַז דִי טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען פַארְשְׁלֶעפְּט אוּן זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען - וֶועט דִי אָפִּיס דָאס נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, זֵיי וֶועלְן דָאס אַלֵיינְס דַארְפְן צוּשְׁטֶעלְן.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען צַייטְלִיךְ; שְׁרַייבְּט מִיר דִי נֶעמֶען פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס וֶוער עֶס קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ, אִיךְ ווִיל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין צַייטְלִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ רֶעגְנְבּוֹיגְן אִין קְלַאס; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִיז זִיכֶער אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן אַייעֶר זוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מוה"ר ... הי"ו**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן בָּארְגְן אַייעֶר סֵפֶר תּוֹרָה פַאר יוֹם טוֹב פַאר אוּנְזֶער שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בָּארָא פַּארְק.

עֶס אִיז זִיכֶער אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן אַייעֶר זוּן שִׁמְעוֹן עָלָיו הַשָׁלוֹם; עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אַזוֹיפִיל מָאל מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אוּן יֶעצְט אַז מֶען לֵיינְט אִינֶעם סֵפֶר תּוֹרָה וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ אִיז דָאס זִיכֶער אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

...

**מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דִי לַאוּנְטְשׁ, קֶענְסְט שׁוֹין אֲוֶועקְוָוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעעֶפֶנְט דִי לַאוּנְטְשׁ, קֶענְסְטוּ שׁוֹין אַוֶועקְוָוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים; דוּ הָאסְט שׁוֹין וואוּ צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אַלֶע דַיינֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז דָאס גוּט אַמָאל אַרוֹיס צוּ גֵיין מִיט דִי וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם, זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן. דִי לַאוּנְטְשׁ אִיז כָּשֵׁר, אַלֶע קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען גוּט גֶע'כַּשֶׁר'ט, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט אוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אִין דֶעם - נָאר אַז אִין שְׁטֶעטְל זָאל

זַיין אַ רֵיינְקֵייט, דִי שְׁטוּבֶּער זָאלְן זַיין נָאר פַאר דִי קִינְדֶער, דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט פַּאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן חֶסֶד.

מַאךְ הַכְנָסַת אוֹרְחִים, נֶעם אַרַיין גֶעסְט, אוּן זֶע אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין פוּל מִיט חֶסֶד. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל קָאכְן אוּן בַּאקְן פַאר נִצְרָכִים. מִיר הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל אַ חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת מֶענְדְלָאוִויטְשׁ, וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק צוּצוּשְׁטֶעלְן נַאכְטְמָאל פַאר פְּרוֹיעֶן קִימְפֶּעטָארִינְס, אוּן שַׁבָּת פֶּעקְלֶעךְ. הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ'; נִישְׁט אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְן עֶלְטֶערְן אִין שְׁטֶעטְל, נִישְׁט אַלֶע הָאבְּן וֶוער עֶס זָאל זֵיי זָארְגְן; זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין שְׁטוּבּ עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פוּן חֶסֶד.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּ קוּמֶען אוּן מִיט הַאלְטְן דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת - בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל, אִיר הָאט אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

...

## אַזוֹי שַׁיין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אִין שְׁטֶעטְל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג אִין שְׁטֶעטְל; אוֹ וִוי שַׁיין דָארְט אִיז, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן! עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט מַמָּשׁ דִי פְּלַאץ וואוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט אַרוֹיסְטְרָאגְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן חוּץ לְיִשּׁוּב (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב).**

**אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִינְדֶערְפְרִי. דָאס עֶרְשְׁטֶע בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, מוֹהֲרַנַ"ת הָאט דָאס מִיר אַזוֹי אַריינְגֶעלֵייגְט אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְהוֹיבְן דֶעם טָאג אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ פָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז מִיר גְרֵייט גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּ טְרָאגְן.**

**דָאס עֶרְשְׁטֶע בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּ דִי בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה, ווייל בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זוֹהַר חָדָשׁ, לֶךְ לְךָ): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק, הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְתִינוֹקוֹת" וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "דִּירָתוֹ עִם הַשְּׁכִינָה" וואוֹינְט בַּיי אִים דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, "וְהַיְינוּ דְּאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן" דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט, "כַּד הֲוָה אָתֵי לְמֶחֱמֵי עוּלֵימַיָּא בְּבֵי רַב" וֶוען עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען קוּקְן דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר, "הֲוָה אֲמַר" הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "אֲזַלְנָא לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", אִיךְ גֵיי יֶעצְט קוּקְן דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה; וֶוען אִיךְ פָאר אִין שְׁטֶעטְל גֵיי אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע צוּ דִי קִינְדֶער, בַּיי מִיר אִיז דָאס דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ.**

**אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פַאר דִי בֵּית פִיגָא תַּלְמִידוֹת, אִין יֶעדֶע כִּתָּה בַּאזוּנְדֶער. נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, מְחַזֵּק זַיין אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער מוֹסָד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין", דָאס מֶערְסְטֶע דַארְפְן חִיזּוּק דִי וָואס גֶעבְּן חִיזּוּק פַאר אַנְדֶערֶע; אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען נָאכְדֶעם צוּ דִי אִינְגְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט**

אַ מַעֲשֶׂה פוּן "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ"; דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי קִינְדֶער, דִי פְרֵיילִיכְקֵייט וָואס דָארְט הֶערְשְׁט - אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק דִי חֵדֶר מִיט אַפָּאר קִינְדֶער, אוּן דִי סְקוּל מִיט אַפָּאר קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט אִיז אִין שְׁטֶעטְל אַלֵיינְס דָא אִינֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין דִי מֵיידְל סְקוּל אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט קִינְדֶער, כֵּן יִרְבּוּ.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה. מִיר וֶועלְן אָפְּטֵיילְן דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אִין בַּאזוּנְדֶערֶע בִּנְיָנִים; יֶעצְט זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט, יֶעצְט אִיז אֵיין שְׁטָאק אִינְגְלֶעךְ אוּן אֵיין שְׁטָאק מֵיידְלֶעךְ, אָבֶּער דִי מוֹסָד וַואקְסְט - דַארְף מֶען שׁוֹין הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בִּנְיָן פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בִּנְיָן פַאר מֵיידְלֶעךְ.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם בִּנְיָן בֵּית הַדְּפוּס אַבִּיסְל שֶׁעפְּן פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת, זֶען דִי נַחַת, וִוי עֶס שְׁטֵייעֶן אִינְגֶעלַייט אוּן דְרוּקְן אָן אָפְּשְׁטֶעל דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִיךְ טְרֶעף דָארְט אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ שֵׁיינֶער בַּעַל פַּרְנָסָה, אַ בַּעַל מְלָאכָה - שְׁטֵייט אוּן דְרוּקְט, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא?" זָאגְט עֶר מִיר, עֶר קוּמְט טוּן עֶפֶּעס פַאר זַיין נְשָׁמָה; עֶס אִיז שׁוֹין סוֹף וָואךְ, עֶר הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעלְט פַאר דִי וָואךְ - יֶעצְט קוּמְט עֶר אַבִּיסְל בְּהִתְנַדְּבוּת הֶעלְפְן פַּאקְן סְפָרִים אוּן דְרוּקְן. דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, צוּ זֶען אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט שֵׂכֶל, עֶר קוּמְט זִיךְ אָנְטְרָאגְן צוּ הֶעלְפְן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי מֶען דְרוּקְט שׁוֹין אַלֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוֹיף חֲנוּכָּה, אוּן אוֹיךְ גְרֵייטְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין אוֹיף פּוּרִים אוּן אֲפִילוּ אוֹיף שָׁבוּעוֹת. עֶס אִיז נֵייעֶ צַייטְן; יָארְן צוּרִיק הָאט מֶען זִיךְ דֶערְמַאנְט עֶרֶב חֲנוּכָּה צוּ דְרוּקְן עֶפֶּעס אוֹיף חֲנוּכָּה, הַיינְט אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְּפוּס קֶען מֶען דְרוּקְן אָן אוֹיפְהֶער, אוּן אָנְגְרֵייטְן פַאר אַלֶע צַייטְן וָואס מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן פַאר דִי מְפִיצִים.

מִיר הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ טֶענְצְל: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ!" דָארְט אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס אִיז אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, מֶען דְרוּקְט דָארְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם נֵייעֶם לַאוּנְטְשׁ, דָארְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶנְדְלִיךְ וֶועלְן דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל קֶענֶען הָאבְּן דִי שְׁטוּבּ זוֹיבֶּער, רֵיין; מֶען וֶועט קֶענֶען הָאבְּן בֵּיידֶע זַאכְן, אַ זוֹיבֶּערֶע שְׁטוּבּ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט קֶענֶען בַּאשְׁטֶעלְן זַאכְן, קוֹיפְן זַאכְן, עֶרְלֶעדִיגְן שְׁטָאטִישֶׁע זַאכְן, בַּאנְק חֶשְׁבּוֹנוֹת, זִיךְ לֶערְנֶען זַאכְן וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ הָאף אַז אַלֶע וֶועלְן אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי גֶעטְשְׁקֶעס פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן קַאר, גֶעעֶנְדִיגְט דָאס מִישְׁן דִי יוֹצְרוֹת, שְׁטוּבּ אִיז שְׁטוּבּ אוּן בִּיזְנֶעס אִיז בִּיזְנֶעס.

לְכַתְּחִילָה אִיז גֶעוֶוען מַיין פְּלַאן צוּ פָארְן פַארְטָאגְס אוּן צוּרִיק פָארְן עֶלְף צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, זַיין צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה. לְמַעֲשֶׂה דָארְט אִין שְׁטֶעטְל וֶוערְט אַזוֹי גוּט אַז עֶס גְלִיסְט זִיךְ דָארְט צוּ בְּלַייבְּן, אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעבְּלִיבְּן וואוֹינֶען דָארְט, אִיךְ קֶען נָאר נִישְׁט צוּלִיבּ דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף אַ פְּלַאץ נֶעבְּן מַיין שְׁטוּבּ וואוּ צוּ לֵייגְן דִי בָּחוּרִים; יֶעצְט פְּרוּבִּירְט מֶען, דִי הַנְהָלָה אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע בִּנְיָן פַאר דִי בָּחוּרִים.

עֶס הָאט זִיךְ פַארְשְׁלֶעפְּט, הָאבּ אִיךְ קוֹדֶם גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיזְן לֶעצְטְן מִינוּט, נָאר גְלַייךְ דַאוֶונֶען. מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ מִנְיָן, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מַשְׁלִים זַיין דִי מִנְיָן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי כּוֹלֵל, אוֹיפְ'ן וֶועג פְרֶעגְט מִיךְ דֶער דְרַייוֶוער אַ שְׁאֵלָה פוּן הִלְכוֹת שַׁבָּת. עֶר אִיז אַ סֶעילְסְמַאן פַאר טְרָאקִינְג, מֶענְטְשְׁן בַּאשְׁטֶעלְן אַ טְרָאק צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען סְחוֹרָה, אוּן אַמָאל בֶּעט מֶען אִים צוּ קוּמֶען אוֹיפְפִּיקְן שַׁבָּת אוּן אַמָאל דַארְף עֶר דָאס טְרָאגְן שַׁבָּת, פְרֶעגְט עֶר מִיךְ אוֹיבּ מֶען מֶעג? זָאג אִיךְ אִים מִיר וֶועלְן גֵיין אִין כּוֹלֵל, דִי חָשׁוּבְ'עֶ אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען יֶעצְט דִי הֲלָכוֹת אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, הִלְכוֹת שְׂכִירוּת וְקַבְּלָנוּת, מִיר וֶועלְן זֵיי פְרֶעגְן. אִיךְ קוּם אִין כּוֹלֵל, אִיךְ זֶע וִוי פְלַייסִיג מֶען לֶערְנְט, זָאג אִיךְ פַארְ'ן דַיין שְׁלִיטָ"א דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל: "אִיךְ הָאבּ דָא אַ אִינְגֶערְמַאן, דָאס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁאֵלָה", אַלֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן

זָאגְן לְכַּאן וּלְכַּאן, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן דָארְט אַ טַעֲנָה'רֵיי, מֶען הָאט זִיךְ מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן דָארְט אוּן גֶעקְוָואלְן פוּן נַחַת.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קְלַאפְּן מְזוּזוֹת בַּיי הָרַב יַעֲקֹב לֶעזֶער שְׁלִיטָ"א, אִין שְׁטוּב פוּן אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא תִּחְיֶ'. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעפָארְן, גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, אוּן גֶעלָאפְן גֶעבְן אַ שִׁיעוּר.

בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, מִיר זֶעעֶן אַ פֶּלֶא'דִיגֶע זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא, זָאגְט רַשִׁ"י: "הוּא שֶׁנָּתַן לוֹ עֵצָה עַל הַמִּילָה", וָואס אִיז פְּשַׁט אַבְרָהָם אָבִינוּ זָאל דַארְפְן אַן עֵצָה נֶעמֶען מִיט מַמְרֵא? אַבְרָהָם אָבִינוּ, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואס גֵייט דָא פָאר?! אֶלָּא מַאי זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר, מֶען דַארְף הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים זִיךְ צוּ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר אַ סוּרְפְּרֵייז אִין שְׁטֶעטְל, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן גַאסְט, הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א גֵייט זַיין שַׁבָּת מְבָרְכִים אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי. דָאס גֵייט זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי גַבָּאִים וֶועלְן מֶעלְדְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וואו דִי תְּפִילוֹת וֶועלְן פָארְקוּמֶען, אוּן דִי בָּאטֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלוּנְג גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן אַ חוֹב פוּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער. בַּיים בָּארְגְן הָאט זִיךְ יֶענֶער אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן דַארְף אִיךְ אוֹיפְקוּמֶען מִיט דִי גֶעלְט בִּיז אַ וָואךְ. וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְשֶׁעם מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט דִי גֶעלְט - נִישְׁט פַאר מַיין בִּיזְנֶעס, נָאר פַאר דַיין בִּיזְנֶעס, פַאר דִי מוֹסָד"; אוּן פוּן הִימְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן זִיךְ מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זוּכְט אַן הַלְוָאָה; אַ נֵס פוּן הִימְל. דִי מַעֲשֶׂה אִיז נָאךְ נִישְׁט פֶערְטִיג, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן אִין גְרִינֶע שְׁמַאטֶעס, 'וואו קֶען מֶען שַׁאפְן גְרִינֶע שְׁמַאטֶעס אִין

וֶוערְד פוּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער?' אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מִיר הֶעלְפְן, אוּן אַ פְרִישֶׁע נֵס... אַ אִינְגֶערְמַאן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה קוּמְט מִיר זָאגְן, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דַארְף מְזֻמָּנִים; בְּקִיצוּר נִיסִים פוּן הִימְל, וְלֹא יִכְלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ.

אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע בִּיזְנֶעס דִיל פַאר דִיר, אוֹיבּ דוּ זוּכְסְט וואו צוּ מַשְׁקִיעַ זַיין דַיין גֶעלְט פַאר גוּטֶע רְוָוחִים - קֶענְסְטוּ זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאַבְרֵךְ י. הַכֹּהֵן נֵרוֹ יָאִיר, חַבֶר הַנְהָלָה. עֶר הָאט גוּטֶע בִּנְיָנִים וָואס מִיר וִוילְן קוֹיפְן פַאר דִי מוֹסָד, מֶען זוּכְט אֵיינֶער זָאל אַיינְשְׁטֶעקְן דִי גֶעלְט, דָאס קוֹיפְן. דִי דִיל גֵייט, מֶען קוֹיפְט דָאס פַאר דִי מוֹסָד אוּן דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם בִּנְיָן - גֵייט פַאר דֶער וָואס אִיז מַשְׁקִיעַ, פַאר אִים אוּן פַאר זַיינֶע דוֹרוֹת פַאר אֵייבִּיג. קֶענְסְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אִים אוֹיבּ דוּ בִּיסְט עֶרְנְסְט אִינְטֶערֶעסִירְט.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ לַאכְן אוּן טַאנְצְן, אַז דוּ וֵוייסְט פוּן רֶבִּי'ן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן

אָהָהָה קוּק... דִי פֵייגְל אִיז טוֹיט...!

פִּינְקְט וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי פֶערְד - אִיז דָאס פֵייגְל אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן אוּן גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס פוּנֶעם רוּט אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט... אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט...

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם פוּן טְשֶׁערְנָאבְּל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין מֶעזִיבּוּזְשׁ צוּם צִיוּן פוּן זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִּיק וֵוייְנְט בַּיים קֶבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן יְשׁוּעוֹת. דֶער קֶבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס קוּמֶען אַהִין זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן מִתְפַּלֵּל זַיין.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן וָואגְן אַהֵיים צוּ פָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער זַייט אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִּיק, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי פֶערְד - אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן אַ פֵייגְל, עֶס הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם שְׁמַייס אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן הוֹיךְ: "עֶס אִיז אִים גֶעקוּמֶען".

וֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם מִטְשֶׁערְנָאבְּל הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז אִים דָאס זֵייעֶר גֶעפַאלְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיף דָּוִד הַמֶּלֶךְ: "יְפֵה עֵינַיִם", עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן, "וְטוֹב רֹאִי", אוּן אַ גוּטֶע אוֹיסְזֶען, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם קִינְד,


דִי פֵייגְל אִיז גֶעוֶוען אַ גִלְגוּל פוּן אַ נְשָׁמָה

וַוייל עֶר זֶעט גוּט; וַוייל דִי פֵייגְל אִיז גֶעוֶוען אַ גִלְגוּל פוּן אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט יֶעצְט בַּאקוּמֶען אִיר תִּקוּן.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר אַז יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ דָאס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל עֶס זָאל אַזוֹי פַּאסִירְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד - הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶען וָואס טוּט זִיךְ מִיט נְשָׁמוֹת אוּן גִלְגוּלִים.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיר, אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דִי זַאכְן, אָבֶּער מִיר דַארְפְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אוּן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דִי פֵייגְל הָאט גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן - אִיז דָאס אִיר גֶעקוּמֶען, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט - הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג נָאר גֵיין צוּ דִיר, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר".